מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **משפטים - תרומה** תשפ"ב ◆ עלון מס': **82**

## דברים שבלב

**אויסציגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות**

### וואויל איז פאר אונז אז מיר האבן זוכה געווען!

שטעלטס ענק פאָר ווען די מצוה פון קריאת שמע וואלט געווען א זעלטענע מצוה ווי ברכת החמה.
נאר איינמאל אין אכט און צוואנציג יאר קען מען לייענען קריאת שמע.
ווי אזוי וואלט עס ווען אויסגעזעזן?
קריאת שמע איז איין שטיק סגולה. דער אריה"ק איז מגלה אויף איר אסאך סגולות. איין סגולה איז אז ווען מען רעכענט צוזאמען וויפיל אותיות עס איז דא אין אלע פיר פרשה'ס פון קריאת שמע וועט מען טרעפן אז אלעס צוזאמען איז דא טויזנט אותיות, א רמז קעגן די ברכה מיט וואס משה רבינו האט געבענטשט כלל ישראל יוסף עליכם ככם אלף פעמים.
און אז אזא סגולה קומט נאר צוגיין איינמאל אין 28 יאר וואלט מען ארויסגעקוקט אויף איר בכליון עינים. די חולי ישראל אדער די וואסווארטן אויף קינדער, וואלטן זיך געגרייט צו איר בדחילו ורחימו. מען וואלט אפגעלערנט איר טייטש און זיך מתעמק געווען אין איר מיט אלע כוחות אז מען זאל קענען מקיים זיין די סגולה כראוי וכיאות.
עס וואלטן אפילו געווען אזעלכע וואס וואלטן געפרעגט א שאלת חכם צי מען קען מקדים זיין די סגולה אבער מען וואלט נישט געטראפן קיין היתר ווייל עס איז נאר איינמאל אין 28 יאר.
מען דערציילט אויפ'ן הייליגן מהר"ם שיק אז אין די עלטערע יארן איז ער געווען זייער קראנק. זיין קערפער איז געווען אויפגעבלאזן פון קאפ ביז פוס רח"ל. האט ער אויפ'ן קראנקן בעט א זאג געגעבן פאר די מקורבים אז אפילו ווען עס וואלט נגזר געווארן אויף אים צו ליגן אזוי א גאנצער לעבן און נאר איינמאל וואלט ער געקענט מקיים זיין די מצוה פון קריאת שמע וואלט זיך עס געלוינט.
און מיר זענען זוכה צו די געוואלדיגע סגולה יעדן איינציגסטן טאג. נישט איינמאל א טאג, נאר צוויי מאל א טאג. מען קען לייענען קריאת שמע און זוכה זיין צו די געוואלדיגע זכיה און די סגולה וואס חז"ל געבן אויף איר ווי עס ווערט געברענגט אין זוה"ק [רות צה] אז ווער עס לייענט קריאת שמע כתקונה איז זוכה אז יעדער אבר פון אים נעמט איין ווארט און היילט אים אויס מיט דעם.
אין מדרש [ילקוט שמעוני ואתחנן רמז תתל"ה] ווערט געברענגט א שיינער משל איבער די מצוה פון קריאת שמע. ער ברענגט אז עס איז געווען א קינד וואס פלעגט זייער שטארק מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב. טאג טעגליך פלעגט ער ברענגען פאר זיין טאטע איין מאלצייט צופרי און איין מאלצייט ביינאכט. אין א טאג זאגט דער טאטע פאר'ן קינד כ'ווייס אז דו ביסט ארעם און דו האסט נישט קיין געלט מיר צו שפייזן, איך בעט דיר אז אנשטאט דעם זאלסטו מיר איבערזאגן די צוויי דרשות וואס דו געבסט אין שול יעדן טאג און די דרשות וועלן זיין גערעכענט ביי מיר ווי די מאלצייטן וואס דו ברענגסט מיר יעדן טאג, מיט דעם וועל איך זיך זעטיגן.
פירט דער מדרש אויס אז די זעלבע איז מיט די מצוה פון קריאת שמע. השי"ת זאגט פאר'ן כלל ישראל, אמאל האבן ענק מקיים געווען די מצוה פון קרבנות. איר פלעגט ברענגען טאג טעגליך דעם קרבן התמיד צופרי ווי עס שטייט 'את הכבש האחד תעשה בבוקר ואת הכבש השני תעשה בין הערבים' אבער היינט אז עס איז מער נישט דא, בעט איך פון ענק ברענגט מיר אייער קריאת שמע וואס איר זאגט טעגליך אין שול און מיט דעם וועל איך זיך זעטיגן.
די חשיבות פון קריאת שמע איז מורא'דיג גרויס און וועגן דעם בעטן זיך די הייליגע חכמים צו אונז אז מיר זאלן מקיים זיין די מצוה מיט די גרעסטע מאס התלהבות און דביקות און מיט א מתינות.
אין די גמרא ברכות [דף טו] ברענגען חז"ל אראפ בשם רב עובדיה אז פון דער ווארט ולמדתם מאכט מען 'למודך תם' אז מען זאל געבן א ריווח צווישן די ווערטער, און די גמרא פירט דארט אויס אז ווער עס פירט זיך אזוי און איז מדקדק אין די ווערטער פון קריאת שמע איז זוכה אז מען איז מצנן די גיהנם.
די חכמי המסורת האבן בודק געווען און געטראפן אז צו לייענען קריאת שמע במתינות נעמט אמווייניגסטענס הונדערט און פופציג סעקונדעס. עס איז אזוי ווייניג צייט אבער עס איז אזא גרויסער סגולה אז מען פארדינט פון דעם אזויפיל און מען האט עס געגעבן פאר אונז - לאמיר עס אויסנוצן בשלימות און זוכה זיין אין דעם בשלימות.
[ארויסגענומען פון שיעור 100-104 פון די סעריע פון 5 שיעורים בעניני רפואה]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### איך האב באקומען אַן איינלאדונג אויף א וואקאציע

זאגט מיר א איד, איך בין נישט קיין בעל מדריגה אבער איך בין יא א בעל הרבה מדריגות. איך האלט אין איין ארויפגיין און אראפגיין. איך גיי אהין און איך גיי אהער. צומאל שפיר איך ווי איך האב נישט קיין צייט פאר גארנישט, אסאך מאל האב איך אפילו נישט קיין צייט צו טראכטן.
מיט א שטיק צייט צוריק האב איך געשפירט ווי איך גיי צוזאמענברעכן. וויפיל קען מען לויפן און לויפן. איך מוז נעמען א וואקאציע, אנדערש וועל איך צוזאמענברעכן. אבער ווי מען קען זיך אליין פארשטעלן דארף עס זיין א וואקאציע וואס עס לוינט. אבער וואו טרעפט מען אזא סארט וואקאציע? מען דארף זוכן. און אזוי ארום האב איך זיך געטראפן צולייגן נאך א דאגה צו אלע מיינע ביז יעצטיגע דאגות.
אבער פונקט אין יענער צייט האט מען מיר מן השמים צוגעשיקט דער נומער פון די השגחה פרטית האטליניע און איך האב עס אנגעהויבן אויסהערן און איר איר טרעף איך זיך די בעסטע וואקאציע. אסאך מאל טוט מיר וויי אז עס איז צו קורץ. איך טרייסט זיך אז עס איז ווי א קורצע וואקאציע, אבער א גוטע וואקאציע.
עס האט זיך געעפענט פאר מיר א נייער וועלט. איך האב קענען געלערנט אז אסאך זאכן וואס כ'מוז - מוז איך בכלל נישט. איך האב איינגעזען אז כ'מוז נישט טראגן די דאגות פון די וועלט, ווייל איינער טראגט עס שוין! כ'מוז נישט אוועקפארן פון שטוב פאר א וואקאציע ווייל כ'קען עס מאכן אויך אין שטוב און איך קען אויך צווישן מיינע ד' אמות שעפן אביסל פרישע לופט.
איך האב אויך קענען געלערנט א נייער וועג ווי אזוי איך קען זיך קונה זיין ישוב הדעת, א זאך וואס האט מיר אזוי שטארק אויסגעפעלט, איך קען טרעפן די גרעסטע מתנה אין די וועלט, ישוב הדעת, אין די האטליניע. מען הערט אויס די שיעורים און מען ווערט א נייער מענטש.
דער איד האט מיר עס דערציילט מיט אזא איבערראשונג און צופרידענהייט: איך האב געדאנקט השי"ת אז אין דעם האטליניע קענען מיר מקיים זיין בפועל די ווערטער פון דער הייליגער שומרי אמונים.
דער שומרי אמונים שרייבט אז די עצה פאר א איד וואס איז טרוד איז, אז ער זאל זיך מאכן א שיעור אין א ספר וואס רעדט פון אמונה און שמחה מיט בטחון און חיות האלקות און אפילו אז ער שפירט נישט אין דעם קיין טעם זאל ער זיך ארייננצווינגען אין דעם ווייל דאס איז דער תכלית הבריאה זיך מעמיק צו זיין דעתו ומחשבתו אין השי"ת.
און דאס איז וואס דער איד טוט מיט'ן האטליניע. ער איז זיך קונה די הייליגע מתנות און ער לעבט מיט ישוב הדעת, און מיין ווינטש איז צו אלע אידן אז זיי זאלן אויך זוכה זיין צו די מתנה פון ישוב הדעת.
רבותי, נעמטס אָן די עצה, קלינגט אריין אין דער האטליניע און זייט זיך קונה די הייליגע מתנה.
א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## פון הימל איז מען מצרף מחשבה למעשה

עס דערציילט הרב מרדכי מלאכי:
מיט א וואך צוריק באקום איך א הזמנה צו א חתונה פון מיינער א באקאנטער. מיין באקאנטשאפט מיט דעם איד גייט נאך צוריק צו מיינע יונגע יארן און דער איד האט מיר פערזענליך געלאדענט.
אין די איינלאדונג איז געשטאנען אז די חתונה וועט פארקומען אין איינער פון די טייערע זאלן אין שטאט. דער סדר אין יענע זאלן גייט צו אז יעדער וועמען מען האט איינגעלאדענט באקומט א קארטל וואו עס שטייט אויפגעשריבן דער גענויער זיץ-ארט וואו מען גייט זיצן און אויך אויף מיין איינלאדונג איז געשטאנען גענוי נעבן וועמען איך גיי זיצן.
איך וואלט זיך געפריידט צו גיין צו די חתונה אבער אזוי ווי איך בין אין יאר נאך מיינע עלטערן קען איך נישט גיין צו די חתונה. איך האב געטראכט אז אנשטאט גיין צו די חתונה וועל איך אים אנקלינגען און זיך אנטשולדיגן אז כ'קען נישט קומען צו די חתונה.
אויס מורא אז כ'וועל פארגעסן אים צו קלינגען האב איך אריינגעלייגט א אויטאמאטישע דערמאנונג אין די טעלעפאן אז אין טאג פון די חתונה זאל עס קלינגען און מיר דערמאנען אז כ'זאל אים קלינגען זאגן מזל טוב.
ווען דער דערמאנער האט געטון זיין ארבעט און מיר דערמאנט האב איך געהאלטן אינמיטן א וויכטיגער שמועס מיט איינעם. איך האב זיך פארלאזט אז כ'וועל אים שוין קלינגען ווען כ'ענדיג די שמועס אבער איך האב פארגעסן און עס איז ארויסגעפלויגן פון מיין קאפ.
די שעות האבן זיך גערוקט און כ'האב פארגעסן פון דעם און שפעטער האט שוין נישט געהאט קיין פשט צו קלינגען דעם איד. עס איז שוין חופה צייט און גיי קלינג אריין א איד אין אזא צייט. ביני לביני בין איך אריין אין א געשעפט און געזען דארט עפעס וואס מיין טאכטער האט מיר געבעטן איך זאל קויפן פאר אירטוועגן.
מיין טאכטער הייסט 'אלישבע' און דער איד וואס האט געמאכט די שמחה הייסט 'אלישיב'.
שטייענדיג אין געשעפט האב איך געוואלט איבערפרעגן מיין טאכטער עפעס איבער די זאך וואס זי האט געבעטן אז כ'זאל קויפן פאר איר. איך נאמען איז איינגעשריבן אין טעלעפאן אלץ 'אלישבע' און כ'קלינג איר אריין און צו מיין וואונדער ענטפערט א מענערישער קול, עס איז געווען דער בעל שמחה.
זעענדיג אז ער רעדט אויפ'ן ליניע האב איך אים געזאגט אז איך האב אים געוואלט קלינגען צו זאגן אז איך וועל נישט קענען קומען און כ'וויל אים טאקע ווינטשן א מזל טוב און אלע ברכות. דער איד האט זייער הנאה געהאט פון דעם זאגנדיג אז עס איז זייער שיין פון מיר אז איך האב אים אינזינען צו קלינגען אין טאג פון די חתונה.
מיר האבן געענדיגט דער געשפרעך און כ'האב

## לחם מן השמים

איך האב זיך וויכטיג גענויטיגט אין א שטיקל ברויט. איך האב געהאלטן אינמיטן עסן און איך האב געדארפט ארויסלויפן פון דעם ארט און ווען איך בין אנגעקומען צום צווייטן ארט האב איך נאך געהאלטן בעפאר'ן בענטשן און צו קענען בענטשן האב איך געדארפט האבן א שטיקל ברויט אבער אויף דער צווייטער ארט איז נישט געווען קיין שטיקל ברויט.
איך האב געטראכט אז כ'גיי קויפן א שטיקל ברויט אבער מיינע טאשן זענען געווען ליידיג און אָן געלט קען מען נישט קויפן.
איך האב אזוי מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל מיר מזמין זיין א שטיקל ברויט. שטייענדיג אזוי זעה איך ווי אן עלטערער איד גייט אין גאס און פון זיין לעכעריגע זעקל פאלן ארויס זעמעלעך.
איך האב אים אויפמערקזאם געמאכט אז זיין זעקל איז לעכעריג און אים געהאלפן אויפהייבן די ברויטן פון די ערד. נאכ'ן אויפהייבן האב איך אים געפרעגט צי כ'קען זיך נעמען איין זעמל.
"זיכער! אבער פארוואס זאלסטו זיך נעמען פון די ערד? נעם פון דא א פרישע".
איך האב געדאנקט השי"ת אז ער האט מיר מזמין געווען ברויט און איך האב געהאט א כזית און געקענט בענטשן ברכת המזון לויט אלע דיעות.

## די מאשין הייבט צוריק אָן צו ארבעטן

זונטיג אינדערפרי איז מיין פרוי צוגעגאנגען צו די וואש מאשין און עס אנגעפילט מיט וועש און עס געגעבן א צינד אן. די מאשין האט זיך אנגעהויבן דרייען אבער אנשטאט אז עס זאל וואשן די וועש האט זי אנגעהויבן וואשן די ערד. עס האט געשפריצט וואסער אויף אלע זייטן און אלעס איז געווארן נאס.
מיין פרוי האט מיר געלאזט רופן איך זאל איבערקוקן די מאשין. איך בין נישט א גרויסער מבין. איך האב פראבירט צו קוועטשן קנעפלעך פון אלע זייטן אבער עס האט נישט געהאלפן קיין פודנו ומצילנו, די מאשין איז צובראכן.
איך בין געווארן פארלוירן. איך בין נישט קיין עושר. בעצם בין איך זייער ווייט פון דעם און יעצט אז עס קומט מיר אונטער א פרישע הוצאה האב איך עס נישט פון וואו צו נעמען. איך האב באשלאסן אז כ'מוז רופן א טעכניקער אבער איידער איך גיי אים רופן האב איך זיך געמאכט א שטיקל חשבון הנפש.
איך האב זיך דערמאנט אז איך און דער פארלאפענער פרייטאג האב איך זיך פארטשעפעט מיט א מענטש און איך אים מיאוס באוואשן.
איך האב באשלאסן אז איידער איך גיי רופן א מעכאניקער גיי איך אים איבערבעטן. איך האב אים אנגעקלינגען, און גלייך ביים אויפהייבן האט יענער געזאגט אז ער איז זייער באליידיגט אויף מיר און איכסגערעכענט וואס איך האב אים געטון און וואספארא עגמת נפש איך האב אים פארשאפט.
איך האב אים מפייס געווען. דער איד האט מיר מוחל געווען און נאר נאכדעם האב איך אנגעקלינגען דער מומחה אויף וואש

מאשינען. יענער האט געהערט וואס עס האט פאסירט און מיר געזאגט וואס כ'קען טון און געהייסן נאכאמאל אנציגדן די וואש מאשין.

איך האב נישט עכטיג פארשטאנען וואס ער האט געזאגט אבער איך האב אויסגעפאלגט זיין אנווייזונג און פארלאשן די מאשין און עס נאכאמאל אנגעציגדן און וואונדער עס האט פיין געארבעט, ווי גארנישט וואלט פאסירט.

פון דעמאלטס ארבעט עס א מחיה. איך ווייס נישט צי עס איז בדרך הטבע אדער שלא כדרך הטבע אבער עס ארבעט און איך האב זיך געלערנט דער לקח.

## ווען מען שיקט אריין די ווערטער אין מויל אריין

עס דערציילט דער מגיד מישרים הגאון רבי אלעזר טורק שליט"א:

בחסדי שמים האב איך זוכה געווען צו פראווענען א ברית מילה פאר אַן אייניקל. ביי די ברית האט מען מיר מכבד געווען צו רעדן א דרשה. איך האב זיך אויפגעשטעלט און גערעדט און אזוי רעדנדיג האב איך דערציילט פאר'ן עולם א שיינע מעשה.

און כדרכו של מעשה שלעפט איין מעשה נאך די צווייטע און די מעשה האט מיר געברענגט צו דערציילן א צווייטע מעשה און אזוי ווי דער עולם האט אויסגעהערט האב איך דערציילט איין מעשה און נאך א מעשה ביז ווען די דרשה איז אנגעקומען צו אן ענדע.

ווען איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף מיין פלאץ האב איך געזאגט פאר דער איד וואס איז געזעצן נעבן מיר אז כ'ווייס אליין נישט וואס עס האט דא פאסירט מיט מיר. איך בין נישט קיין מעשה פארציילער. איך קען אמאל דערציילן א מעשה אבער דא ווי כ'וואלט ווען געווען א רבי וואס דערציילט מעשה'ס האב איך דערציילט איינער נאך די אנדערע.

אבער די מעשה פארציילעריי איז אויך געווען מן השמים.

עס גייט אריבער געציילטע טעג און א בחור קומט צו מיר און זאגט מיר אז ער איז א חתן געווארן און איך זאל וויסן אז כ'האב א טייל אין זיין שידוך.

"איך? וויאזוי?"

און דער בחור דערציילט די פאלגענדע: "איך בין געזעצן ביי יענע ברית סעודה און אויסגעהערט אלע מעשיות וואס דו האסט דערציילט. יענער נאכט האט מען מיר געמאלדן אז כ'דארף זיך טרעפן מיט די כלה. איך האב זיך געטראפן און מיר האבן אנגעהויבן צו רעדן.

אבער וואס איז שוין דא צורעדן? מיר האבן געזוכט וואס צו רעדן און אזוי אינמיטן רעדן זאגט די מיידל אז זי איז אן אייניקל פון דער און דער צדיק.

"אזוי"? האב איך געזאגט מיט התפעלות.

"איך האב לעצטענס געהערט אויף אים א שיינע מעשה".

איך האב אנגעהויבן דערציילן די מעשה וואס דו האסט דערציילט ביי דיין דרשה. די מעשה האט איר זייער שטארק געפאלן און די שמועס איז געווארן פליסיג און מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז מען גייט ענדיגן די שידוך.

די מעשה האט מיר זייער באנומען! איך האב געזען אז אסאך מאל מיינט א מענטש אז ער ווייסט פארוואס ער זאגט דאס און דאס, אבער באמת שיקט מען אים אריין די ווערטער אין מויל אריין פון הימל.

נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר? פון וואו איז דער איד ארויסגעוואקסן. עס האט נישט אויסגעזען ווי ער האט מיר געקלינגען. איך האב אריינגעקוקט אין די טעלעפאן און ביז א מינוט האב איך געכאפט דער טעות וואס עס האט דא פאסירט, אז כ'האב אים אריינגעקלינגען און אנשטאט דרוקן אויף אלישבע האב איך געדרוקט אויף אלישיב.

שפעטער האב איך זיך געמאכט א שטיקל חשבון אז כ'האב שוין דער טעלעפאן צען יאר און קיינמאל בעפאר האב איך נישט געמאכט אזא טעות. עס איז נאר אז מן השמים האט מען אזוי געפירט און מצרף געווען מחשבה למעשה אז מיינע מחשבות זאלן ווערן למעשה און כ'זאל קענען ווינטשן דעם איד מזל טוב אין טאג פון די חתונה.

## ניחום אבלים בהידור

און איין מעשה ברענגט די צווייטע.

דער מגיד מישרים דערציילט אַן ענליכע מעשה, און אויך דאסמאל האט מען אים אריינגעשיקט פון הימל וואס ער קען פארציילן.

ומעשה שהיה כך היה: אמאל גיי איך אין גאס און כ'זעה ווי עס הענגט א ניחום אבלים מודעה. אין די צעטל שטייט אז עס זיצט דא א איד וואס זיין טאטע איז אוועק פון די וועלט. דער צעטל לייגט צו אז דער איד זיצט דא שבעה. איך האב געטראכט צו מיר, ווער ווייסט וויפיל אידן קומען אהער מנחם אבל זיין? בין איך אריינגעגאנגען.

איך קום אן אינעווייניג אין שטוב. עס איז געווען ליידיג. דער איד איז דארט געזעצן אליינס און זעענדיג אז איינער איז אריינגעקומען האט ער זיך זייער געפריידט און אנגעהויבן שמועסן מיט מיר.

דער איד האט דערציילט איבער זיין טאטע וואס איז יעצט נפטר געווארן און גערעדט איבער זיין צדקות און חשיבות.

דער שמועס האט זיך פארצויגן זייער לאנג און ביים ענדע איז שוין געווארן שפעט און איך האב שוין געמוזט אוועקגיין.

איך האב כמעט פארגעסן פון די מעשה.

עטליכע וואכן שפעטער בין איך געווען אין בארא פארק. דארטן האב איך געדארפט געבן א דרשה אין איינער פון די שולן. נאך די דרשה קומט א איד צו מיר און זאגט מיר אז עס איז דא א פרוי וואס מאכט א שלושים סעודה פאר איר טאטע. דער איד זאגט מיר אז די פרוי איז זייער צובראכן פון די פטירה פון איר פאטער און ער פרעגט מיר צי איך קען איר קומען טרייסטן און געבן א גוטע דרשה.

דער איד האט מיר גענומען מיט זיין קאר און אזוי אונטערוועגנס פרעג איך דעם איד ווער דער נפטר איז און וואס קען מען רעדן איבער אים. דער איד האט אנגעהויבן צו דערציילן איבער דער איד און עס גייט נישט אריבער אפאר מינוט און כ'כאפ זיך אז מען רעדט פון דער זעלבער איד וועמענס זון איך האב מנחם אבל געווען מיט עטליכע וואכן צוריק אין ירושלים.

איך בין אריינגעקומען צו די שמחה און אנגעהויבן רעדן פון דעם נפטר ווי א זקן ורגיל. איך האב דערציילט ווען דער איד פלעגט אויפשטיין יעדן טאג און וואס זיינע מעשים טובים זענען געווען.

די משתתפים האבן נישט געקענט פארשטיין פון וואו קען איך אזוי גוט דער נפטר אבער איך האב זיך געלערנט פון דעם א לימוד אז השי"ת שיקט אייביג אריין פאר א איד וואס ער דארף זאגן און וויאזוי ער קען טרייסטן אנדערע אידן.

# צוהערער פרעגן
שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

ב"ה אז איך האב באקומען פון הימל א מתנה ווילדע קינדער. איך בין זיך משתדל צו גיין מיט זיין בדרכי נועם אבער פון צייט צו צייט נעמען זיי מיר ארויס פון די כלים און איך קען זיך נישט איינהאלטן און מיין געדולד פלאצט... איך וויל פרעגן ווי אזוי מען קען זיך שטארקן אין די נושא און זיך איינהאלטן? מיין שאלה איז נישט נוגע אין חינוך - עס איז נוגע פאר מיר אליינס - וואס קען איך טון זיך איינצוהאלטן אין דעם הינזיכט?

שאלה נומער 34

נ.ש. בית שמש

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### הסר כעס מלבן

**מערערע עצות וויאזוי מען קען פארלעשן די כעס געבט הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** ערשטענס וויל איך דיר משבח זיין אז דו ווייסט דער מצב און דו ווייסט אז דו דארפסט ארבעטן אויף דעם און יעצט אַן עצה. מיין עצה צו דיר איז אז ווען די קינדער רעגן דיר אויף רעאגיר נישט גלייך. ווארט א מינוט, צוויי. נאר נאכ'ן ווארטן א מינוט טוה וואס דו האסט צו טון. אזא זאך העלפט מורא'דיג שטארק קעגן כעס. **הרב נתנאל כהן פון ירושלים:** בשם צדיקים איז דער מזמור יג אין תהלים זייער מסוגל קעגן כעס. **נאך א געדאנק זאגט הרב שלום מילער פון בני ברק:** משל זיך אויס וויאזוי וואלט א חשובער איד [מיט וועמען דו ביסט באקאנט] זיך געפירט אין אזא סיטואציע. **הרב יעקב נתנזון פון בני ברק איז מציע:** א גוטע עצה קעגן כעס פאר קינדער אז צו דאנקען השי"ת אויף די מתנה אז דו האסט בכלל קינדער און אז דו קענסט זיי מחנך זיין צו עבודת השם, אזא סארט וועג העלפט שטארק איינצושטילן די כעס.

**הרב יחיאל הכהן איליוויצקי פון מודיעין עילית:** פון דיינע ווערטער איז קענטליך אז נישט אייביג גייסטו ארויס פון די כלים. די שאלה איז, וויאזוי האלטסטו זיך איין? זיכער קומט עס פון תפילות אדער פון חזר'ן אמונה. מיין עצה צו דיר איז זיי ממשיך מיט די וועגן ביז די כעס וועט אינגאנצן אוועקגיין.

**הרב יצחק צבי לאמפין פון מאנטריאל, הרב שלום שר פון עפולה, הרב דוד בוקר פון צפת:** די מידה פון כעס איז א הרגל וואס א מענטש האט. עס קומט ביים געבוירן און די עצה דערצו איז אז צוברעכן די שלעכטע נאטור און ווי עס ווערט געברענגט פון הרה"ק ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו א גוטע מידה פערציג טעג און אזוי ארום וועט ער קענען ברעכן די שלעכטע מידה. דו קענסט זיך למשל איינגעוואוינען פאר פערציג טעג צו רעדן שיין מיט דיינע קינדער און דאס וועט דיר אויטמאטיש ראטעווען פון כעס. די עצה ווערט געברענגט אין אגרת הרמב"ן. מען דארף אויך מתפלל זיין צו השי"ת ער זאל דיר ראטעווען פון כעס.

### יחיד סגולה

**הרב אהרן בייפוס פון רכסים, הרב מתתיהו קיטיי פון ירושלים:** דער סדר ביי מנהלים איז אז ווען זיי האבן שווערע קינדער שיקט מען זיי צו די בעסטע מלמדים ווייל זיי האבן א צוגאנג צו די סארט קינדער. זעט זיך אויס אז אין הימל האלט מען דיר פאר א גוטער מלמד, ווייל ווען נישט וואלט מען דיר נישט צוגעשיקט אזעלכע ווילדע קינדער. מען דארף אויך געדענקען אז ווילדע קינדער וואקסן שפעטער אויס גוטע קינדער. נעם דיר א טרייסט פון דעם און גארטעל זיך אונטער מיט אסאך סבלנות פאר זיי.

### אמונה

**הרב דוד בנימין גוטפארב פון ירושלים, הרב חיים מאיר כץ פון אשדוד, הרב אריה פארמאד פון נוף הגליל:** א איד טאר נישט פארגעסן אז עס איז נישט דא קיין מקרה אויף די וועלט און דאס איז אויך נוגע ביי וועלכער סארט קינדער ער זאל האבן. עס איז א פארמעסט ווי יעדער פארמעסט און בעיקר ווען מען רעדט פון קלענערע קינדער ווי מען געבט זיך שוואר אַן עצה מיט זיי.

## שאלה פאר גליון 84

איך האב געוואלט פרעגן וויאזוי ברענגט מען אריין ביי קינדער די מידה פון בטחון? מיט וועלכער שפראך און מיט וועלכער צוגאנג?

א.י. רכסים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת תצוה. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט
אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## ארייננצולייגן די כוחות אין דער ריכטיגער ארט

אַן אור אלטער מנהג איז געווען איינגעפירט אין נאוואהארדאק. יעדן ערב ראש חודש האט מען פארמאכט די חדרים און די ישיבות. די חדר אינגעלעך, אינאיינעם מיט די בחורים און די מלמדים און די ראשי הישיבה, פלעגן ארויסגיין אויסער'ן שטאט צו די וועלדער.

אין די וועלדער, צווישן די ביימער, האט מען געפראוועט א ספעציעלער סארט סדר. דער סדר האט זיך אנגעהויבן מיט'ן לערנען עטליכע שעה תורה, נאך די תורה האט מען געלערנט מוסר ביגיעה און נאך די מוסר האט מען געזינגען ווארעמע ניגונים און נאך די ניגונים פלעגט מען זיך אויסשמועסן אין עבודת השם.

אין נאוואהארדאק האט מען געהאט מסירות נפש פאר די חדר. אויף ווי ווייט עס גייט קען מען צולייגן א מעשה שהיה וואס עס פלעגט דערציילן דער צדיק רבי חיים עוזר גראדזענסקי פון ווילנע. דער סדר אין נאוואהארדאק איז געווען אז איינמאל א חודש האט מען געטיילט געהאלט. האט זיך אמאל געמאכט א שווערע וועטער. עס האט גערעגנט פאר עטליכע טעג אין איין ציה ווען מיטאמאל קלאפט מען אָן אין טיר פון רבי חיים.

רבי חיים עפענט אויף די טיר און זעט פאר זיך שטיין א מענטש דורכגעווייקט נאס, ער געט זיך א רוף אן, דער מענטש איז א נאוואהארדאקער, ווייל נאר זיי האבן אין זיך אזא מסירות נפש און שרעקן זיך נישט אפ פון גארנישט, נישט פון קיין רעגן און נישט פון קיין בלאטע, וכך הוה, דער איד איז טאקע געווען א נאוואהארדאקער און פאר דריי טעג איז ער אזוי געגאנגען ביז ער איז אנגעקומען צום שטוב פון רבי חיים.

אבער מיט דעם אלעם! אפילו אז זיי האבן געהאט אזא מסירות נפש פאר די תלמוד תורה, האבן זיי פארשטאנען אז איינמאל א חודש מוז מען אפשפארן די תלמוד תורה און ארויסגיין אויפ'ן פעלד און זיך מחזק זיין, ווייל ביטולה זה קיומה.

ברוך השם אין די היינטיגע וועלט איז אכשור דרא. עס איז דא פיינע מלמדים, זיי לייגן אריין גרויסע כוחות אין די לימודים, מען זוכט גוטע וועגן פאר הסברה, מיין טאטע זצ"ל איז אויך געווען א מלמד, ער פלעגט זיך אנגרייטן שעות לאנג פאר די שיעורים.

דערציילט מיר א מלמד אז ווען ער איז געווארן א מלמד האט ער נישט געזען קיין עקסטערע הצלחה אין די מלומדות. ער פלעגט זיך אנגרייטן די שיעורים אבער עס איז נישט געגאנגען. אין א טאג האט ער זיך בארעכנט אז פון די צייט וואס ער געבט אראפ זיך צו צוגרייטן צו די שיעורים וועט ער אראפנעמען צייט און לערנען אין די צייט מוסר און ספרי חיזוק אין אמונה ובטחון.

א שטיק צייט האט ער זיך אזוי געפירט, די שיעורים זענען נישט געווען אזוי גוט, אבער די תלמידים האבן באקומען פאר זיך א מלמד פול מיט תוכן, ערנסטקייט, אמונה, א מענטש מיט אסאך אינהאלט, ווי דוד המלך האט געזאגט 'כוסי רוויה', איך האב געהאט א זאטער כוס, אנגעפולט מיט אמונה ובטחון.

דער סוף איז געווען אז דער מלמד האט מצליח געווען מער ווי אלע אנדערע מלמדים, ער האט ארויסגעגעבן שיינע פירות.

דאס דארף זיין דער מהלך פון דעם מלמד. ער דארף ארייינלייגן כוחות אין זיך אנגרייטן צו די שיעורים. בשם דער סטייפלער גאון זצ"ל זאגט מען נאך אז ער האט געזאגט אז א מלמד דארף זיך אנגרייטן כאטשיג צוויי שעה א טאג די גמרא, ווייל אז ער וועט קענען די גמרא בעיון, וועט ער האבן א טעם אין די גמרא און דער טעם וועט ער קענען איבערגעבן פאר די תלמידים און דאס איז די עיקר אז די תלמידים זאלן באקומען חיות פון די תורה.

די זעלבע דגוש דארף מען לייגן ביים זיך אנגרייטן צו מוסר, אדער סיפורי צדיקים וואס ברענגען אריין יראת שמים אין די קינדער. א מלמד וואס איז מלא וגדוש מיט ערליכקייט און האט א חיות אין דעם געבט ער עס איבער פאר די קינדער און ברענגט אריין אין זיי יראת שמים און ערליכקייט.

**די שיעורים פון הרב שנעבאלג ווערן ארויפגעלייגט א מאל אין צוויי וואכן אויף אידיש און א מאל אין צוויי וואכן אויף העברעאיש אין נומער 2 > 3** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באשעפער

איך פול א פערזענליכער און א שטארקער הכרת הטוב פאר די מערכת פון השגחה פרטית. מיין לעבן האט זיך אסאך געטוישט זינט איך האב עס אנגעהויבן אויסהערן. מיטאמאל האב איך איינגעזען אז מען דארף נישט עצה'נען פאר השי"ת, איך האב באקומען כוחות זיך צו קענען פארמעסטן מיט אלע שוועריגקייטן, איך לעב אסאך בעסער און רואיגער. זאל ענק השי"ת באצאלן בכפל כפליים.

### מצד די געבער

איך בין ארויסגעפארן קיין אויסלאנד. איידער איך בין ארויס אויפ'ן וועג האב איך זיך איינגעהאנדלט א ביליגער פלאן פאר מיין סעליולער טעלעפאן צו קענען רעדן אין אויסלאנד. ווען כ'בין אהיימגעקומען האט מיר אפגעווארט א שיינער קבלת פנים. די טעלעפאן פירמע האט מיר געשיקט א בילל פון 2000 שקל [כמעט 700$].

ווען איך האב זיי געקלינגען און געפרעגט וואס איז דאס, האבן זיי מיר געגעבן א רייע פון תירוצים. איך האב געזען אז מיט זיי וועל איך נישט ארויסקריכן. איך האב צוגעזאגט תורם צו זיין פאר השגחה פרטית כמנין 'פלאפון' און א שטיק צייט שפעטער זאגן זיי מיר אז זיי זענען מיר מוותר אויף די סומע.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט
און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


וויל איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט
**קלינגט אריין אין אפיס**
**02-5866-075**
מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00
אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,
שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM
דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

**דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה**